„צושפּערטע לעבּענס"

ראמאן פון קאנאדיש אידישען לעבען.
(ספּעציעל געשריבען פאר'ן „זשורנאל")

פון י״ב״ם

(68־טע פארזעצונג)

אין'ם מאמענט האט איהם א בליץ געטאן אין קאפּ א געדאנק, אז בערנארד איז ניט אזא חכם ווי ער מאכט זיך, און אז אימיצער האט איהם עפּעס געמוזט שרייבען פון מאנטרעאל וועגען דער גאנצער געשיכטע. ער האט זיך דארום געווענדעט צו בערנארד'ן. — היינט עס, אז דו ווילסט איך זאל דיר פארטרויען מיין סוד? איך וויל אבער צוערשט וויסען פון וואנען נעהמסטו זיך דעם געדאנק, אז איך האב א סוד? ווארום זאלסטו מיר מאכען גלויבען אז דו ביזט א נביא?

— דאס מיינט שוין איצט, אז דו גיבסט צו, אז דו האסט א סוד. דו וואונדערסט זיך בלויז, ווי קום איך צו וויסען דערפון. — האט איהם בערנארד צוגעקוועטשט צו דער וואנט.

— איך האב ווירקליך א סוד. האט דזשאזעף צוגעגעבען. — מעג איך אבער וויסען פון וואנען דו ווייסט עס?

— דאס האט ניט צו טאן מיט מיין פראגע, — האט בערנארד צוגעגעבען. — איך האב דיר געזאגט אז איך וויל דיר העלפען פטור צו ווערען פון דיין צרה, און דו מעגסט זיכער זיין אז איך מיין עס, ווייל אויב איך זאל עס ניט מיינען ערנסט, וואלט איך דיר פארשפּא־ט צו רופען אהער, ווייל איך ווייס שוין גענוג פון דיין סוד צו מאכען דיר נייעם טראבעל, אבער דאס איז ניט מיין וואונש. איך וויל דיר העלפען אויב איך קען, איך וויל דיך זעהן ריין און רוהיג. דו ביזט מיין קוזין איצט, און איך האלט עס פאר מיין פליכט צו העלפען דיר אין יעדער הינזיכט, אויב עס איז נאר פאראן א מעגליכקייט.

דזשאזעף האט איהם אנגעקוקט מיט פארשעמטע בליקען און געשוויגען. ער האט געזעהן די מעגליכקייט צו אפּלייקענען די גאנצע געשיכטע, ער האט געקענט זאגען בערנארד'ן אז אלעס וואס ער ווייסט איז א ליגען, און אז שונאים האבען אויף איהם אויסגעטראכט א בלבול. ער האט עס אבער ניט געוואלט טאן, איהם האט זיך איינגעדוכט אז בערנארד רעדט צו איהם ווי צו א פריינד און מיינט טאקע זיין טובה, ווייל אויב ער זאל איהם וועלען צו שעדיגען, האט ער דאך ווירקליך די בעסטע געלעגענהייט, ער קען אלעמען דערצעהלען וואס ער ווייסט, און דאן קען ער אויסגעפינען אלע פאקטען פון דער געשיכטע, ווייל אויב ער האט עפּעס ווירקליך נייעס פון מאנטרעאל, האט עס דאך צו טאן מיט נימעלען, טא וואס זאל ער עס לייקענען. זעהר מעגליך אז זי געפינט זיך אין טאראנטא, און האט זיך געווענדעט צו א לאיער וועגען אויפנעהמען די „קיים", דאמאלס וועט דאך געווים פיעל גלייכער זיין, ווען ער וועט דערצעהלען דעם אמת. מעגליך אז בערנארד וועט איהם העלפען אין זיין פארדרעהעניש און געבען איהם א גוטע עצה, ווייל נאך אלעמען איז ער דאך ניט קיין נאר, און דעם צווייטען קען מען בעסער ראטען ווי זיך אליין.

און פיליכט? פיליכט זאל איך שווייגען, האט ער געטראכט. פיליכט איז זי באגאנגען זעלבסטמארד, אריינגעווארפען זיך אין טייך, אדער אוועק אויף א שלעכטען וועג.

בערנארד איז דערווייל געזעסען און געווארטעט זיין ענטפער.

דזשאזעף האט מיט אמאל געענדערט זיין מיינונג. אויב דיזער מאן, האט ער ביי זיך געקלעהרט מיינט ווירקליך דאס וואס ער זאגט, דאן איז ער א וועלטענער בראווער יונג. צוערשט האט ער מיר אפּגעגעבען זיין קוזינע, אין וועלכער ער איז געווען אזוי שטארק פארליעבט, און איצט ווען ער האט א טשאנס צו פארשטעלען מיך, און פיליכט ברענגען צו א גט צווישען מיר מיט מיין ליעבער קיידי'ן, זוכט ער נאר מיר צו העלפען און מיך ארויסשלעפּען פון טראבעל.

— בערנארד, — האט ער צו איהם ענדליך געזאגט — אויב דו ביזט מיר ווירקליך אזא איבערגעבענער פריינד ווי דו פרעטענדירסט, דאן בעט איך דיך, לאז מיך צורוה, און צווינג מיך ניט דערצעהלען דיר מיין סוד. איך קען דיר פארזיכערען אז אלעס וועט קירצליך אויסגעגליכען ווערען, און צו מיינע צרות וועט נעהמען אן ענדע. איך קען דיר בלויז פארזיכערען אז איך האב צרות צוליעב מיין שוואכען כאראקטער, און צוליעב דעם וואס איך האב געוואלט טאן דאס, וואס איך האב געדענקט אז עס וועט זיין גליקליכער, בעסער און עהרליכער. איך גיב צו אז איך בין אריינגעפאלען, איך וועל מיך אבער ארויסדרעהען. איך וועל מוזען בלויז פאר עטליכע טעג פאהרען קיין מאנטרעאל און דאס אלעס ערלעדיגען. איך וואלט סיי ווי סיי געפאהרען נאך אמאל צוליעב געשעפט, איך קען דארט עטאבלירען א גרויס געשעפט, מאכען געלט און דערביי וועל איך פטור ווערען פון דעם שטיקעל צרה וואס איך האב אויף מיר,

בערנארד האט געזעהן אז די שפּיעל איז פאר'ן טייפעל, אז ער וויל ניט דערצעהלען, האט ער גענומען אן אנדער שטעלונג, און געשטעלט דזשאזעפ'ן א גאנץ אפענע פראגע.

— איז דאס אמת, אז דו ביזט געוועזען פארהייראט צו א צווייטער פרוי, איידער דו האסט געהייראט מיט קיידי'ן?

— ניין, דאס איז ניט אמת, — האט דזשאזעף איהם געענטפערט רוהיג. איך האב ווירקליך געהייראט מיט נאך איינער, אבער שוין נאכדעם ווי איך בין געוועזען פארהייראט צו קיידי'ן, דאס הייסט, קומענדיג צוריק פון דייטשלאנד. וואהין איך בין לעצטענס אפּגעפאהרען. איך בין מיאוס אריינגעפאלען און האב עס געמוזט טאן, איך האב מורא געהאט אז צוליעב מיר זאל א מיידעל ניט באגעהן זעלבסטמארד. זי וואלט עס געווים געטאן, ווען איך האב מיט איהר ניט חתונה.

— וואו האסטו אלזא מיט איהר חתונה געהאט? האט בערנארד געפרעגט.

— אין אימיגריישאן אפיס פון האַליפאקס, — איז געוועזען דער ענטפער.

— רעכנסטו אז דו וועסט ווירקליך קענען פון איר פטור ווערען? האט בערנארד געפרעגט.

— איך וועל דאך מוזען פון דעם פערט. — איך האב מיט איהר געפערט. — איך האב מיט איט איהר געהייראט נעגען מיין ווילען. דו מעגסט מיר גלויבען אז איך ליעב קיידי'ן מיט דעם גאנצען פייער פון מיין נשמה. איך האב ליעב די גאנצע פאמיליע שטארקער ווי מיינע אייגענע עלטערן. איך וואלט קיינמאל ניט געדענקט וועגען אזא זאך ווי הייראטען מיט א צווייטער פרוי. אלס באווייז קען דיענען דער פאקט אז זי איז פון מיר אוועק עטליכע טעג נאך דער חתונה, ווייל איך האב מיך געוואלט פון איהר באפרייען, און איך האב קיינמאל ניט געגלויבט אז מיר וועלען זיין מאן און פרוי.

(ווערט פארגעזעצט)

שניי איז א ברכה פאר די ארבייטסלאזע

פאר די ארבייטסלאזע איז דער שניי וואס איז היפשלאך אנגעפאלען די לעצטע עטליכע טעג ווי מן פון הימעל. א פאר טויזענט ארבייטסלאזע האבען דורך דעם געקראגען א געלעגענהייט צו פארדינען אויף א לעבעל ברויט.

פאלקס פאראיין קוויטירונגען

אויף דער חתונה פון מר. אפעלבוים צו מיס פרייבערג אין מיקאל שוהל. איז דורך דעם אפּיעל פון מרס. ליטשמאן עקזעקוטיוו מיטגליעד פון פאלקס פאראיין געזאמעלט געווארען $10.50. דער מחותן מר. פרייבערג האט באצאהלט א דאלאר פאר צעהלען דאס געלד.

אויף דער חתונה, אין די פוילישע שוהל פון מר. ווינער צו מיס טרייסטער איז געזאמעלט געווארען $6.47.

א מלוה מלכה פון די באָרד אָף דיירעקטארען פון די טשענסטאכאווער סאָסייטי ביי משה קאפלאן אין הויז 23 גרענדזש עוועניו, איז אויך ניט פארגעסען געווארען אין פאראיין 10 דאלאר איז געזאמעלט געווארען.

דער פאראיין דאנקט אלע מנדבים און ווינשט מזל טוב אלע בעלי שמחות.

אברהם שער, פּאַרזיצענדער.

נ. ב. א טעות וואס מוז קארעגירט ווערען.

די ליידיס אוקזילערי פון די טאראנטא חיברו בענעוואלענט סאסייטי האבען בייגעשטייערט צום באזאר 35 דאלאר.



דאדד'ס קידני פילס זענען בלויז א נייען רפואה. זיי העלפען רומאטיזם, לומבייגא, ברייט'ס קראנקהייט, דיאַביטיס. רוקען שמערצען, הארץ־שמערצען און יורינארישע ליידען. ווייל אלע פון זיי זענען אדער נירען ליידען אדער זענען פאראורזאכט דורך דער אונארדנונג פון די נירען. [illegible] קענען זיי ניט טאן זייער [illegible]

לעצטע ארענזשמענטס פאר קאמפּיין פונ'ם בילדינג פאנד פון דער תלמוד תורה זענען שוין געמאכט געווארען

די לעצטע ארענזשמענטס פארן בילדינג קאמפּיין פון דער נייער תלמוד תורה זענען געמאכט געווארען לעצטען מאנטאג אוונט, אין דער געביידע פון דער תלמוד תורה, וואו מר. ע. פולען איז איינשטימיג ערוועהלט געווארען אלס פארזיצענדער פון קאמפּיין קאמיטעט, און מר. סעם קראליק — אלס אסאשיאייט פארזיצענדער.

אלס טרעזשורער פון דעם קאמיטעט איז ערוועהלט געווארען מר. הענרי גרילימאן, מר. דוש. גלעס איז ערוועהלט געווארען אלס פארזיצענדער פון דעם הערגעס קאמיטעט, און ער האט אויפ'ן מיטינג באריכטעט אז דר. פיוזניק האט מיט איהם צוזאמען באזוכט א רייהע מיטינגען פון פארשיעדענע ארגאניזאציעס, און זיי זענען דארט גוט אויפגענומען געווארען אזוי אז דאס קאן אנגענומען ווערען פאר אן ערמוטיגענדען רעזולטאט.

דער קאמפּיין וועט אנגעפיהרט ווערען פאר א פאנד פון פופציג טויזענט דאלאר, מיט וועלכעס מען וועט פארענדיגען דאס בויען פון דער תלמוד תורה. עס וועט אויך געשאפען ווערען א יעהרליכע מיטגליעדערשאפט, דורך וועמעס ביישטייערונגען מען וועט קאנען אויסהאלטען די תלמוד תורה, ווען זי וועט געענדיגט ווערען. דער קאמפּיין וועט אפּיציעל געעפענט ווערען אויף א דינער פון די מיטארבייטענדע קאמיטעטען, וואס וועט מאנטאג, דעם 26־טען יאנואר געגעבען ווערען אין דער געביידע פון דער תלמוד תורה.

אויף א מיטינג פון די פאראייניגטע ארטאדאקסישע אוקזילערים פון טאראנטא וואס איז לעצטענס אפּגעהאלטען געווארען, איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, אז די אוקזילעריעס פארפליכטען זיך צו העלפען אין דעם בילדינג קאמפּיין פון דער תלמוד תורה. די רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען נאכדעם ווי דער 'הדסה' קאונסיל האט אנגענומען א רעזאלוציע צו שטיצען דעם קאמפּיין פון דער תלמוד תורה.

א מיטינג פון פרויען קעפּטיינס וועט אפּגעהאלטען ווערען מאנטאג דעם 12־טען יאנואר פונקט דריי אזייגער נאכמיטאג, און א צווייטער מיטינג פון מענער קעפּטיינס וועט אפּגעהאלטען ווערען דעם זעלבען דאטום אין אוונט.

די פארשיעדענע קאמיטעטען, וואס די שולען און ברידערליכע פאראיינען האבען שוין צונויפגעשטעלט, ווערען געבעטען צו באשטימען זייערע קאמיטעטען און לאזען וויסען וועגען דעם אין די קאמפּיין העדקוואטערס, אזוי אז מען זאל קאנען די קעפּטיינס שיקען פארמאלע נאטיס צו באזוכען די קאנפערענץ וואס וועט אפּגעהאלטען ווערען דעם צוועלפטען יאנואר.

3 אומגעקומען פון גוואלדזאמען טויט

דריי פערזאן זענען פרייטאג אומגעקומען מיט קיין נאטירליכען טויט, דייוויד מעקפארליין איז געשטארבען פון פארגיפטונג, דזשאהן סמיטה איז דערשטיקט געווארען פון גאז און וואנג ליט, א כינעזער, איז באגאנגען זעלבסטמארד, דורך אויפהענגען זיך.

אידישער איבערזעצער אין וועסטערן האספּיטאל דיספּענסערי

צוליעב דעם גרויסען באזוך פון די אידישע קראנקע אין וועסטערן האספּיטאל דיספּענסערי, וועט פון מארגען פריה אן זיך דארט געפינען א אידישער איבערזעצער וועלכער וועט ריידען צו די דאקטוירים פאר די אידישע קראנקע וועלכע קענען ניט קיין ענגליש.

דער איבערזעצער איז אנגעשטעלט פון פאלקס־פאראיין.

שנעלע הילף נויטיג

קלמן: — שנעל, זלמן, קומט ארויף צו מיר. מיין שוויגער וויל זיך ארויסווארפען פון פענסטער.

זלמן: — וואס דשע קען איך דיר העלפען?

קלמן: — דו וועסט מיר העלפען עפענען דעם פענסטער, ער איז פעסט פארמאכט.

וויל א גרויסען נאמען

מוהל: — ווי ווילט איהר רופען אייער זוהן?

פאטער: — אברהם יצחק יעקב מיכאל זאב.

מוהל: — ווארום עפּעס אזוי פיעל נעמען?

פאטער: — איך וויל ער זאל האבען א גרויסען נאמען.

פאלקס פאראיין ראפעל

פאלגענדע נומערן האבען געוואונען דעם ראפעל, וועלכער איז פארגעקומען לעצטען זונטאג אין פאלקס פאראיין.

נומער — 3709, 4821 8925.

די איינגעווינער פון די נומערן קענען באקומען די ארטיקלען אין פאראיינס אפיס, 410 דאנדעס וועסט.

די קאמיטע.

אויגען

אנשטרענגונג ווירקט שלעכט אויף דעם גאנצען קערפּער.

פארנאכלעסיגט ניט אייערע שלעכטע אויגען, עקזאמינירט זיי גלייך און פאסט אייך צו די ריכטיגע גלעזער ביי דר. ס. וועבער, אפּטאמעטריסט.

10 לענארד עוועניו.

Dr. S. WEBER, Eyesight Specialist
10 Leonard Aue.

5291-1-24)

פייפּער הענגינג און פיינטינג

איך מאך די בעסטע דזשאבס אין פיינטינג און פייפּער הענגינג. גוט און בילינ. בעסטע צופרידענהייט. טעלעפאנירט גלייך. טריניטי F 8316.

ס. קירשענבוים, 100 דעניסאן עוו.

3526-12-177)

זוכט ניט!

דער מאן וואס קען פיקסען גראמאפאנס, סטיילס שלעסער רעפּיירען, נייע שליסלען, בייבי קערעדזשעס **און סטאוום געמאכט פון אלט ניי**, איז דער גוט באוואוסטער

פ. שרייפער

אין 459—461 קאלעדזש סטריט
אז איך מאך גוט און בילינ, דאס ווייסט יעדער.
טעלעפאן טריניטי 6621.

לערנט ביי אן ערפאהרענעם לעהרער
פסח מאטענקא

גראדואירטער פון טאראנטער אוניווערזיטעט

גיט פריוואטע לעקציעס אין ענגליש און אין מאטריקולישאן געגענשטאנדען. זיך ווענדען ביי טעלעפאן קענוואוד 8672, אדער קענוואוד 7641.

מיידלאך און ווייבלאך

ארדערט אייערע דרעסעס ביי
מרס. גלאסמאן

מיט 5 דאלאר א דעפּאזיט קענט איהר ארדערען די שענסטע און סטיילישסטע דרעסעס צו בילינע פרייזען. אויב ניט צופרידען קריגט איהר אייער געלט צוריק. מיר מאכען אויך מיט אייער ווארע, גוט און בילינ.

16 בעלוויו עוועניו
טעלעפאן טריניטי J 0638

דזשועלערי דזשאבס

פון אלע סארטען, אלערליי מעדאלס פריוואטע ווי אויך פאר מתנות ווערען געמאכט צו ארדער, אדער ריפּיירד, ביים באוואוסטען דזשועלער

מ. העלער

750 קווין סט. איסט
טעלעפאן דזשערארד 7863
ליידיס פאקעט בוקס געפיקסט גוט און בילינ.

צו פארענטען
To Let

אפּארטמענט, 5 גרויסע רומס און טיילד בעד רום אויף פּאלמערסטאן עוועניו, לידיג דעם ערשטען. $45 א מאנאט. טעלעפאן טריניטי W 5446
5326-1-4)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס מיט אלע קאנוויניענס. פרעגען 62 מארי סטריט.
5345-1-4)

צו פארענטען א שעהנע פוירנישד פראנט בעד רום, סטים היט, אלע קאנוויניענס. בילינ מיט א יונג קאפּעל. פאסינג פאר א מאן אדער פרוי. A 718 קאלעדזש סטריט.
5347-1-4)

צו פארענטען 4 רומס אין 1 לעאנאר עוועניו אין אן אפּארטמענט, אלע קאנוויניענס, היט, וואסער. 25 דאלאר א מאנאט, פרעגען 174 טשעסטנאט סטריט
5348-1-4)

צופארענטען א הויז אין פאלמערסטאן עוועניו, 8 רומס, אלע קאנוויניענס מיט א גאראדזש און א קארנער סטאר גוט פאר א דראג סטאר אדער אנדערע ביזנעס. 5 רומס אויב נויטיג. פרעגען 836 דאנדעס וועסט.
5350-1-4)

צו פארענטען א סטאר מיט דריי רומס, קארנער דזשערארד און פּייפ ע״ו. פרייע באהייצונג, בילינ רענט. גוטע געלעגענהייט פאר א טיילארינג ביזנעס. טעלעפאנירט טריניטי W 8755.
5327-1-4)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, סינק אין קיטשען עלעקטריק פיקסטשורס און בליינדס, טעלעפאן פרעגען נאר א קליינע פאמיליע 87 באַרדען סטריט.
5344-1-4)

א הויז צו פארענטען אויף 32 הענרי סטריט, אלע קאנוויניענס, טעלעפאנירט טריניטי J 9330.
5356-1-5)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס מיט אלע קאנוויניענס, סינק אין קיטשען, עלעקטריק. פרעגען 6 סענט אנדרו סטריט.
5352-1-7)

צו פארענטען א פלעט פון 3 ליכטיגע ווארימע רומס, סינק אין קיטשען, עלעקטריק, געז, באדרום, נייער קאלעדזש. פרעגען 54 באַרדען סטריט.
5351)

צו פארענטען א סטאר אין 465 דאנדעס וועסט, קען טאן אין די בעק א קליינע מאנופעקטשורינג, בילינ רענט. פרעגען טריניטי W 9632.
5354)

צו פארענטען א שעהנעם פלעט פון 3 רומס, הארדוואוד פלארס, עלעקטריק פיקסטשורס, ווינדע בליינדס, סינק אין קיטשען, טעלעפאן און אנדערע קאנוויניענס, בילינ רענט. פרעגען 147 באַרדען סטריט.
5355-1-4)

אן אפּארטמענט הויז פון 5 רומס צו פארענטען, הארדוואוד, סעלער, דאבעל ווערענדעס, דזשעניטאר סערוויס. פרעגען 40 בעווערלי, טעלעפאן עדלייד 7531.
5353-1-5)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס בילינ רענט פרעגען 145½ קווין וועסט.
5360)

דער נייער וואוינונג פון
חזן קאפלאן
458 בראנזוויק עוועניו
טעלעפאן הילקרעסט 8332
אפיס 11 קאלבארן סט.
טעלעפאן מיין 2907

דר. ס. פערלמאן
דענטיסט
באטהערסט און דאנדעס סטריטס
טעלעפאן טריניטי 0984
הויז טעל. הילקרעסט 8269
אפען אוונטען.

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפּאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפּיסעס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די בילינסטע פרייזען. מיר שטעלען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן ארדלייד 8087

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
10 TERAULEY ST

געלט צו אנטלייען

אויב איהר דארפט געלט אויף ערשטע, צווייטע אדער דריטע מארטגיידזשעס סעקיוריטי, טעלעפאנירט אדער זעהט מיך

מ. קאבלענס
81 ליפּינקאט סטריט.
טריניטי J 6952

ספּיין און קאמפּאני

בייליפס און קאלעקטארס
רום 201 מענינג טשעמבערס, 72 קווין סטריט וועסט
טעלעפאן עדעלייד 0938

רענטס און שלעכטע חובות קאלעקטעט, טשארלטעל מארטגעדזשעס עקזעקיוטעט, אינשורענס און מארטגעדזשעס ארראנזשירט.

כלויז חזן וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג

אלס מוהל

און מסדר קידושין.

אלע עלטערן פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט.

קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.

וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו
טעלעפאן טריניטי 1076.
[illegible]

סטאפּט די שמערצע

פאראורזאכט פון שלעכטע צייהן איהר קענט קריגען געמאכט ערשטע קלאס דענטאל ארבייט צו א מעסיגען פרייז אין

דר. פאומאנ'ס
דענטאל קליניק
164 קווין סטר. וועסט



די ארבייט ווערט זארגפעליג געמאכט, זעהר מעסיגע פרייזען, נוירס באהאנדלונג, עקזאמינעישאנס פריי.

Dr. FAUMAN'S Dental Clinic
164 Queen St., W.

טעלעפאן ערדלייד 4280
אפיס שטונדען: 9.30 — 12, 1 — 8

האט איהר אויגען טראבעל?
האט איהר קאפּ שמערצען?

דאן זעהט זיך מיט דעם אידישען
אפּטאמעטריסט
— און אפּטישען —
וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט

דר. הענרי העררים

279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספּעדינע)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט

DR. HENRY HARRIS
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. Near Spadina
Open until 9 p. m.

טעלעפאן עדלייד 5615

דר. ס. קיימס

דענטיסט
218½ קווין וועסט
(קארנער מיקאל סטריט)
טאראנטא.

פרייזען פאר
קלאסיפייד אדווערטייזמענטס

"פארלאנגט" און "צו פארענטען" אדווערטייזמענטס.

25 סענט קעש [illegible] ביז 25 ווערטער. פאר 35 סענט, אויב דורך א "טשארדזש אקאונט",

יעדעס ווארט איבער 25. ווערט גערעכענט צו סענט א ווארט.

ציפערן ווערען גערעכענט. יעדער ציפער באזונדער אלס א ווארט.

פאר קעפּלעך איבער די אדווערטייזמענטס ווע״ס גערעכענט 25 סענט עקסטרא פאר יעדען מאל.

פאר „באקס־נומערן" 10 סענט עקסטרא

צו פארקויפען, ריעל עסטייט, ביזנעס שאנסעס זענען אלע אנדערע אדווערטייזמענטס אין די קלאסיפייד קאלומס — 2 סענט א ווארט.

קלאסיפייד דיספּליי

6 סענט א אגייט שורה

טויט־נאטיצען אדער לוויות — פראנט פיידזש 5 דאלאר, אנדערע פיידזשעס 3 דאלאר

אדווערטייזמענטס ווערן גענומען דורכ'ן טעלעפאן. נאר פון די יעניגע וועלכע האבען מיט אונז א „טשארדזש אקאונט".

דער „זשורנאל" וועט ניט זיין פאראנטווארטליך מעהר ווי פאר איין ניט ריכטיגע אינסוירשאן אויב מען וועט ניט געלאזט וויסען דעם טעות אין דעם זעלבען טאג, און ניט דעם אדווערטייזער'ס פארלוסט.

קויפען און פערקויפען
Bought and Sold

צו פארקויפען 3 רומס פוירניטשור. נאכפרעגען 20 קעמעראן סטריט.
5338-1-4)

פרוכט און גראסערי סטאר צו פארקויפען, נארט סייד אן קווין, נעקסט צו א קארנער קאר סטאפּ. סטאק און פיקסטשורס, בילינ. פרעגען ביי טעלעפאן טריניטי W 4681.
5339-1-4)

צו פארקויפען א קליינעם סטאק פון מענס פוירנישינגס, סטאק און פיקסטשורס, מוז פארקויפט ווערען, זעהר בילינ, גוטע געלעגענהייט צו אנהויבען ביזנעס מיט א קליינעם אינוועסטמענט פרעגען 3308 דאנדעס וועסט.
5336-1-4)

מארקהאם סטריט, 1 הויז, 8 רומס, בריק, 5 טויזענט. צווייטע 6 רומס, בריק פראנט, 4 טויזענט.

38 הונדערט, מאנטראז, 6 רומס, בריק פראנט, גאראדזש, טעל. טריניטי J 4920.
5358)

קלינינג און פרעסינג ביזנעס איבערצוגעבען זעהר בילינ. 1383 קווין איסט, נעקסט פון א טעאטער, $20 א מאנאט, אורזאכע פארלאזט טאראנטא. טעל. דזשערארד 8180 אדער לייקסייד 7831
5359)

פראכטפולע בארגיינס

58 הונדערט, מיידזשאר, סאליד בריק, 8 רומס, אלע קאנוויניענס, מוז פארקויפט ווערען. קעש אראנזשירט.

45 הונדערט, בראנזוויק, 8 רומס, 2 פלעטס, נעבען הארבארד, קליינע קעש.

43 הונדערט, אלסטער, בריק פראנט, 7 רומס, אלע קאנוויניענס, טויזענט קעש

אויף פיעלע הייזער און סטארס צו פארקויפען אין פארשיעדענע טיילען פון שטאדט. פרעגען וואולף און סעמיועלס, טעל. טריניטי 0089. אווענט טריניטי W 2456.
4111-1-4)

פארלאנגט
Want Ads.

פארלאנגט א קעכין ביי א קליינע פאמיליע. בעסטע באצאהלונג און א גוטע היים. פרעגען ווייגבערג אין „אידישען זשורנאל", אדער טעלעפאנירען גלאדסטאן 1774.

פארלאנגט א מיידעל אדער יונגע פרוי צו הויז ארבייט, פרעגען 435 גרייס סטריט.
4114-1-6)

דער וואס פארלאנגט לייבארערס, קארפּענטערס א. ז. וו. זאל פרעגען אין 144½ סענט פעטריק סטריט. טעלעפאן עדלייד 9933.
5343-1-7)

י. ראזען

דער בוקקיפער, גיט לעסאנס אין ענגליש אידיש און העברייאיש פאר ערוואקסענע. איין לעסאן א וואך אדער צוויי לעסאנס א וואך, איז גענוג.

זיעבציג בעלוויו עוועניו. טעלעפאן טריניטי 6672 דזשיי.
5672-12-1)

קאנטראקטארס

מיר מאכען פארשיעדענע קארפּענטער און אלטערייאנס ארבייט, סטאר פראנטס, ווערענדעס, גאראדזשעס, הארדוואוד פלארינג, שעלווינגס א. ז. וו. צו בילינסטע פרייזען. צופרידענהייט גאראנטירט.

קיין דזשאב צו קליין אדער גרויס.

קאצמאן און מארען קארפּענטערס און בילדערס, 61 מיידזשאר סטריט. טעלעפאן טריניטי W 6369
3943-1-23)